STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04862

SILUETN

Jacob H. Sapiro

Permanent preservation of this book was made possible
by Ann S. Secof
in memory of
Ben Secof & Jeffery R. Schwartz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סילועטן

לידער

פון

יעקב סאפירא

מיין פרוי
מאַריע ריין־סאַפּיראָ
געווידמעט
מיט אַ טיפן דאַנק פאַר
אירע ריטמישע אַנוויזונגען

אָפּטיילונגען:

1) סילועטן

2) איבעריזעצונגען

ערשטער טייל

סילועטן

ס י ל ו ע ט

אַמאָל באַנאַכט די שטילקייט כ׳האָב דערזען,
אַן אייביקייט האָט דאָס געדויערט.
געפילט האָב איך אַז אָט וועט וואָס געשען,
אַז הינטער שטילקייט עמעץ לויערט.

דער שאָטן ווען שפיגלט אָפּ אויף וואַנט,
צו מיר מאַגנעטיש וואָס זיך ציט ?
ווער איז דער סילועט אין סטיל רעמבראַנדט,
פאַרלייכטערן וויל מיין שווער געמיט ?

ס׳האָט מיטאַמאָל דורך נעפּל פון דער נאַכט
זיך ווי אַ פייל אַ ליכטשטראַל דורכגעריסן.
און זייער קלאָר האָב איך דערזען : מיט לאַך
דער סילועט געוואָלט האָט מיך באַגריסן.

און באַלד נאָכדעם האָט אַלץ דאָרט אויפגעהעלט.
ס׳איז דורכזיכטיק מיין אויסדערוויילטער׳ס בליק.
איר שמייכל טרייבט פון מיר, פון גוף און זעל,
דעם קלעם און אומעט, וואָס שוין לאַנג מיך דריקט.

עס פירט זיך...

(דור הולך ודור באָ)

עס פירט זיך גאַטור ווי אַ צנועה,
ווען נאַקעט געצוואונגען צו זיין.
בוים שעמט זיך אין האַרבסט ביים אַנטבלויזן,
ס׳פאַררויטלען זיך בלעטער ווי וויין.

בוים קוקט אויס אַ „לעידי גאָדיוואַ״
כ׳וועגד בליק אָפּ די הוילקייט ניט זען.
„ווינט זאָל מיינע קליידער ניט יאָגן״
— בוים זאָגט מיר — „זיי בעסער פאַרברען״.

עס טוליען זיך בלעטער צו בלעטער,
און רויטער, אַלץ רויטער דער פלאַם.
אַ נייער דור בלעטער קומט שפּעטער,
באַצירט יעדן בוים, יעדן שטאַם.

פאַרליבט

אין לעבן בין איך אַ פאַרליבטער געווען,
אין אַלץ וואָס מיט שיינקייט און ריינקייט נאָר שטראַלט.
פאַרליבט איבער אַלץ אין דעם מענטשלעכן וועזן,
באַשאַפן האָט גאָט אים אין אייגן געשטאַלט.

פאַרליבט אין די זאַכן וואָס גאָט האָט געשאַפן,
פון תהו ובהו אין זעקס ערשטע טעג.
געשאַפן — אַן צוואַנג, אַן געוואַלט און אַן שקלאַפן —
די זונען, די ים׳ען, די הימלען אַן ברעג.

פֿאַרליבט אין דעם ווינט פֿאַר זיין אײדעלן גלעטן
מיין גוף און געזיכט מיט די זײדענע פֿליגלען.
פֿאַרליבט, ווען שפּאַצירן כ׳פֿלעג אײנזאַם גיין טרעטן
צו שטילע פֿאַרכישופֿטע וואַסערנע שפּיגלען.

פֿאַרליבט אין דעם פֿרייען און שיינעם געדאַנק,
אין נאָבל געשטאַלט פֿון אַ מאַן אָדער פֿרוי.
און אפֿשר נאָך מער אין אַן אײדל געטראַנק
פֿון ליריק, וואָס מיך האָט פֿאַרשיכורט אַזוי.

פֿאַרליבט אויך נאָך איצט — ווי געווען אַלע יאָרן —
אין דער, וואָס פֿאַרשאַפֿט האָט אי פֿרייד מיר און רו.
און איצטער, ווען איך בין שוין עלטער געוואָרן,
נאָך האָב איך מיט ליבע אַ שטיל ראַנדעוואו.

גלגול

ווען אין דער וועלט פון בלייכע שאָטנס
אויף ערד אַ שליחות כ׳וועל באַקומען,
וועל איך לויט יענער וועלט געבאָטן
שוין בלייבן דאָרט אין צושטאַנד שטומען.

ווען, געליבטע, מיך אין דמיון זען,
נאָר וועסט מיין קול שוין קיינמאָל הערן,
וואָס איז אַמאָל פאַר דיר מוזיק געווען,
דאָס וועט נאָר איצט אַן עכאָ ווערן.

וועסט נאָר דעםווידערקלאַנג דערשפּירן
אין שפּיל פון ווינט מיט רויש פון צווייגן.
ס׳וועט דיך אַמאָל צום טאָפּאָל פירן,
וואו צערטלען זיך מען האָט אין שווייגן.

אַצינד בין איך צוריק געוואָרן
דער גייסט פון טאָפּאָל גרין־געקליידטן.
און ווי אַמאָל, אין אַלטע יאָרן,
צו דיר כ׳טו צווייגן־הענט צעשפּרייטן.

און ווען כ׳וועל פילן כ׳בין אין תפיסה,
ס׳איז מיין נשמה אין רויז אַ זיסע,
דו קומסט פון איר פּאַרפיום געניסן,
כ׳קוש דיך, נאָר ווייסט עס קיינמאָל וויסן.

און אויב עס וועט מיין גלגול זיין באַשערט
צו בלייבן בלא־יודעים אין אַ שטיין,
ניט זאָל עס זיין סקולפּטור פון הויכן ווערט,
און אויך ניט קיין מצבה פאַר געוויין.

איך ווינטש ס'זאָל זיין אַ ניט פּאָלירטער שטיין,
אין ווייטן פעלד מיט רחבות אָן אַ שעור.
ווען טריט כ'וועל הערן פון אַ ווייטן גיין,
גרייכט אויך דורך שטיין דיין וואַרעמקייט צו מיר.

גערדאַנק

אַ פונק טליִעט לאַנגזאַם אין שייטער
ביז ס'ברויזט אויף אַ פלאַם מיט געדראַנג.
פון אונטערבאַוואוסטזיין באַפרייטער
קומט לאַנגזאַם אויך אויף אַ געדאַנק.

געדאַנק ווי אַ בלום איז געבויט.
זיי ביידע געמיינזאַם פאַרבינדט:
די בלומען קוויקט נאַכטיקער טוי,
דער טוי פאַר געדאַנקען איז טינט.

אידייע מיט טוי — טינט באַגלייט
צווינגט טויזנטער מענטשן צו דענקען.
געדאַנקען מיט שריפט אויסגעקליידט
וועקן שאַרפע געפילן פון בענקען.

אַ ווידוי

כ'האָב לאַנג שוין פאַרשטאַנען: איך בין נאָר אַ מיטל
צו העלפן דער שאַפונג פון בעסערער צייט.
דאָס הייַנטיקע לעבן באַטראַכט נאָר מיט ביטול,
דער קינפטיגער דור וועט ערשט לעבן באַפרייט.

אין דעם אידעאַל פון דער צייט פון דער ווייטער
האָב איך אַ נאַאיווער מיט טרייהייט געגלויבט.
איצט זע איך — דער גלויבן אין וועלט דער באַנייטער —
פון מיר האָט אומזיסט אַ שטיק לעבן באַרויבט.

איך האָב צוליב דעם אָפט מיין „איך" אָפּגעזונדערט,
ווי אין אַ סאָציאַלען געלעבט כ'האָב היפּנאָז.
אויב אַלץ פאַר דער צוקונפט, האָב איך זיך געוואונדערט,
צי בין איך איר מענטשלעכער קרבן, צי וואָס?

געמיינט, אַז איך העלף באַלד די וועלט איבערבויען,
ווי זיין וואָלט דאָס לעבן אַ מין מאַטעריאַל.
נאָר ס'לעבן זיך בייט יעדן טאָג ווי די שעהן,
אָן אויפהער באַנייט זיך פאַר יחיד און כלל.

אין קאַמף האָבן יאָרן זיך לאַנגע געצויגן,
געהערט אָבער צום ווידערשפעניקן דור.
כאָטש אָפּט האָט דער אומעט מיין פנים פאַרצויגן
נאָך ציט מיך מאַגנעטיש צום קוואַל פון דער וואָר.

פאַרוואָס זאָל מיין „איך" אַלץ ווערן פאַרטריבן?
פאַרוואָס זאָל איך קעמפן פאַר דור אומבאַקאַנט?
ווייל ס'איז אַזוי גוט דאָך צו לעבן און ליבן,
איך העלף בעסער היינט מענטש ווי איך בין אימשטאַנד.

מיינע אויגן...

מיינע אויגן זיינען שפּיאָנען,
וואַרפן גייגעריקע בליקן
אויף די מענטשן, אויף מיליאָנען
זוכן שטריכן, וואָס דערקוויקן
די נשמה, און דערמאָנען
וועגן פרייד און וועגן גליקן,
וואָס פאַרשאַפן מענטשן קאָנען,
אָפט מיט שמייכל אויסצודריקן.

שפּיאָנען זיינען מיינע אויגן,
זיי געפינען פאַרבן זיבן
אין האַלב רונדן רעגנבויגן
איידער ער ווערט וואו פאַרטריבן.
ווען מיט מולד שיין פאַרצויגן
איז די שטילע נאַכט געבליבן,
זעען זיי ווי קעפּ זיך בויגן,
ער צו איר אין צאַרטן ליבן.

איר אַלע...

איר אַלע, די זוימען און פלאַנצען,
וואָס איך האָב אין האַרבסט נאָך פאַרזייט,
איר וועט נאָך אַ ווינטער אַ גאַנצן,
צום לעבן, צום נייעם זיין גרייט.

דערווייל גאָר, ווי קינדערלעך קליינע,
פאַרזונקען אין גליקלעכן שלאָף,
איר ליגט איצט אין נעסטעלעך ריינע
און וואַרט פונם ווינטער דעם סוף.

פאַר אייך איצט — די ערד איז אַ וויגל,
דער ווינטער — די רואיקע נאַכט,
דער וואָיען פון ווינט — אַ וויג לידל,
דער שניי — אייער נאַכטיקע טראַכט.

דערפרישט פונם שלאָף, ווי די קינדער
וואָס פרישינקע כוחות דערשפירן,
איר רייסט זיך אַרויס נאָכן ווינטער
פון נעכטן מיט זיבן קאָלירן.

געוואָלט האָב איך איר זאָלט מיר זאָגן
ווער כישוף פאַרשאַפט אונטערערד.
צי גייסטער פון קונסט, וואָס פאַרמאָגן
טאַלאַנט פאַר דעקאָר אומגעשטערט?

רוימען שפּיל

ניט צו פֿאַרשן ווייטע רוימען
פליהט אין הויכן מיין געדאַנק.
קענען שנעלקייט ניט איינצוימען
ספערן שטערונגען זיין גאַנג.

קענען פליהען ניט פֿאַרהאַלטן
בערג די העכסטע, טייך און טאָל,
ליכטער־שיין פון צפון קאַלטן,
מעטעאָרן אָן אַ צאָל.

מיין געדאַנק — צו וועמען פליהט ער?
אין מיין דמיון כ׳קען זי זען.
און עס טוט דאָס האַרץ אַ ציטער,
צי עס וועט אַ נס געשען.

צי לויט נס עס וועט זיך שפּיגלען
אין איר זעלע מיין געפיל.
צי איר וויזיע וועט פֿאַרזיגלען
מיין אַ שטריך אין רוימען שפּיל.

איך וואַרט...

איך וואַרט ס'זאָלן ווערן די טעג ווידער לאַנג,
ווען זון אַ פאַרוועלקטע ווערט נאָכאַמאָל יונג,
און קערט ווייסע שטילקייט אין פויגל געזאַנג —
אַ מין הללויה מיט ריטמישן שוואונג.

אַ קול פון דער זון און פון שאָטענס דאָן רופט
דאָס ווינטל וואָס איצטער איז וואַרים און צאַרט
זיך צוהערן פרום צום עקסטאַז אין דער לופט,
צום אויפקום פון מאַי און צו וואָס נאָך עס גאַרט.

און איך כאַטש אויף פּלייצעס טראָג יאָרן אַ פּאַק
דערפיל איצט: ווי לייכט איז מיין שטימונג געוואָרן,
און כ'פייף אויס בנעימות אַ ניגון געשמאַק —
אַ לידל וואָס כ'האָב שוין פאַרגעסן זייט יאָרן.

אין הויכע ספערן

עס האָט מיך אין ספערן די הויכע געצויגן,
געוואָלט האָב איך זען וואָס אין הימלען געשעהט.
בין איך איבער בערג פון וואָלקענס געפלויגן,
אַלץ נענטער צום הימל אין בליץ שנעלן דזשעט.

איז וואָס האָב איך דאָרטן געזען און געטראָפן?
דעם זעלבן פרוכת מיט שטערן אָן עק,
— פאַר העזה׳דיק ווערטער זאָל גאָט מיך ניט שטראָפן —
קיין גאָט און קיין מלאך אין מילכיגן וועג.

איך בין ניט קיין פאָרשער, געוועזן קיינמאָל העלד,
מער מוטיקע וועלן זיך ברענגען פאַר קרבן
די טירן צו עפנען צו סודות פון וועלט,
אום „גדלות במרומים" צו האָבן דערוואָרבן.

און איך אַ פֿאַרליבטער אין בלומען און בוים,
אין לעבן אָן רעש, און אַ מענטש אַלט אין יאָרן,
ווי וויטעבסקער ייִד פֿון שאַגאַל, כ'פֿלי אין רוים,
אָן פֿידל באַגלייט, נאָר מיט רויש פֿון מאָטאָרן.

איז וואָס דאַרף איך דזשעטס, די ראַקעטן און מיסיל?
איך בין אַ בן אָדם, מײַן פּלאַץ איז אויף דר'ערד.
איך ליב אַלע מענטשן, און וויל נאָך אַ ביסל
מיט זיי צו פֿאַרברענגען — אויב לעבן ז'באַשערט.

פאַנטאַזיע

וועו איך פאַרלאָז די זינדיקע ערד,
וועט וועלט פאַרלירן אַ פאַרערער.
און אַלץ וואָס כ'האָב געזען, געהערט,
געפינט איך אַ באַזונדער ווערט.

פאַר מיר בוים'ס סקריפענדיקער קרעכץ
געמיינט האָט רײדן אומגעשטערט,
און שטילע טענער וועגן שלעכטס
פון ווינט, וואָס מאַכט דאָס לעבן שווערער.

פאַר מיר דער טוי איז גאָר ניט טוי,
נאָר יעדער טראָפּן איז אַ טרער,
וואָס ווערט פאַרגאָסן לייכט אַזוי
דורך וועזענס פון דער סטראַטאָספער.

זיי אין דער נאַכט באַזוכן בלומען,
זיך צו באַהעפטן איז באַגער.

אַזוי ביז פרי גייט דער פאַרקער
ביז ס׳הויבט זיך אָן דאָס זון־אויפקומען.
איצט נעמען ווערעוענס אָפּשייד שטומען.
זיי וויינען, ס׳איז דאָס שיידן שווער.

אויך אין וואָלקנס זע איך זאַכן,
מיין פאַנטאַזיע מיר דאָס מאָלט.
איך זע צורות אָפּט וואָס לאַכן
ווי צו דעם מענטש אַראָפּ געוואָלט.

ס׳דוכט די ווייסע וואָלקנס טיכער
זיינען גאָר מלאכים׳ס פליגלען.
אָפּט פאַנטאַזיע זאָגט מיר זיכער.
וואָלקנס זיינען גאָר גאָט׳ס שפּיגלען.

מען זאָגט...

מען זאָגט, אַז אַמאָל דאָ געווען איז ים.
באַוויַיז זייַנען שטיינער פון כוואַליעס געשליפן —
מאָזאַיק פון שימער און זאַמד אַמאַלגאַם
מיט צייכנונגען מאָדנע ווי די יעראָגליפן.

איז ווער האָט דעם ים דאָ צוריק וויַיט פאַרשטויסן
אויב ניט נאָר דער מענטש מיט זייַן אייַזערנעם ווילן?
ווי אַלץ אין נאַטור, איז אויך דאָ דער מענטש אויסן
די אויבערהאַנט איבער איר קראַפט צו דערצילען.

זינט קריעה פון ים סוף דער ים בלייבט אַ כעסן,
ווייל מער ניט קיין נסים, און קעמפט ווי אַ לייב:
וואַרפט כוואַליעס — דעם זאַמד אָן רחמנות צו שמייסן,
נאָר זאַמד צוריק שליידערט, מאַכט כוואַליעס צו שטויב.

אַזוי צווישן זיך קעמפן ביידע טיטאַנען,
נאָר ס'איז דאָך דער מענטש, וואָס וויל ים'ען באַרויבן.
עס איז אויף דער וועלט דאָך גענוג ערד פאַראַנען,
אין שכנהשאַפט גוטער איז בעסער דאָך גלויבן?

צ י י ט

איך האָב מיר די צייט איצט גּעפאַנגען גענומען
און זי צווישן שרויפן און רעדער פאַרשפּאַרט.
פאַרשאַפט איר אַ שפּראַך, וואָס איז אַ מין זשומען,
וואָס קלינגט מאָנאָטאָניש, צו גלייכער צייט צאַרט.

עס האָט זיך די צייט באַלד דיסציפּלינירט
מיט ריטם צום אויסקלאַפּן איר מאָנאָלאָג.
האַרמאָניש די בלוטן שטיל האָבן פּולסירט:
— די צייט און מיין בלוט — אין דער נאַכט און ביי טאָג.

עס זיינען מיט יאָרן די צייט אין געשטעל
און ס'שלאָגן פון פּולס באַלד פאַרמאַטערט געוואָרן.
עס קומט ניט צום האַרצן מיין בלוט אַזוי שנעל,
און ס'האָבן צייט'ס רעדער דעם טעמפּאָ פאַרלאָרן.

אַ רגע קומט שפּעטער, און אָן עס צו שפּירן
עס וועט צו מיין האַרץ דאָס בלוט מער ניט לויפן.
נאָר צייט און געשטעל וועט אַלץ נאָך סקאַנדירן —
סקאַנדירן וועט זייגער מיט רעדער און שרויפן.

מיר זיינען פּאָעטן

מיר זיינען געבאָרן צו זיין טרובאַדורן —
באַגייסטערטער שבט פון אייביקע טרוימער.
מיר זיינען בני־אָדם, נאָר זוכן די שפּורן
פון אַלע פאַנטאַזיעס אין הימלישע רוימען.

מיר מאָלן לעגענדעס פון גאָט ניט געזען,
צו וועלכן ס׳רעדט מענטש ווען ער הויבט אָן צו דאגה׳ן,
צו וועמען ער טענה׳ט מיט אַ זודיקן ברען,
נאָר קריגט ניט קיין ענטפער —אָן אייביקער שווייגן.

מיר טראַכטן אוים מעשיות פון צויבער גן־עדן,
וואו ס׳לעבן ז׳געפלאָסן גאָר זאָרגלאָז און לינד,
וואו אָדם און חוה אַנטדעקט האָבן ביידע
געפילן פון ערשטן זים-לייבליכן זינד.

מיר זינגען פון שטימונג ביים מענטש און דער וועלט,
פון ליבע, נאַטור און באַגערן אַלערליי.
מיר האָבן אויך אָבער קיינמאָל ניט פאַרפעלט,
מיט צער צו דערמאָנען דעם מענטשליכן וויי.

מיר זיינען פּאָעטן און וואָרט מוזיקאַנטן,
דאָס וואָרט איז מוזיק. און מוזיק איז אין וואָרט.
מיט ריטם און קלאַנג אינם טעמפּאָ אַנדאַנטע,
ווען ליד דיך באַרוישט פון אַ לירישן סאָרט.

מיר זוכן האַרמאָניע אין אַלץ וואָס מיר דיכטן,
און קענן דער וואָרט-אַקראָבאַטיק זיך ווערן.
אַ וויג-ליד וואָס קומט פון פאָלקסטימלעכע שיכטן
געוועזן איז קיינמאָל אַ ליד סטיל מאָדערן.

איך האָב...

איך האָב אין שוואונג פון קאַלטן ווינט
דיין אַ פאַרשטיקטן זיפץ געהערט.
פאַרשווינדן האָסט געוואָלט געשווינדט
דו מיט דיין אומעט אומגעשטערט.

איך פיל אין זיפץ ווי עס וויברירט
די ליידנשאַפט אַדורך דיין גוף.
אַזוי אַ שטורם שיף פאַרפירט
אין תהום און קיינער הערט זיין רוף.

איך וויל פון זיך דיר לעבן שיינקען,
ניט ווי ס'ט'פּאַסירט מיט אָדמ'ס ריפּ,
נאָר מיט אַ גייסט, וואָס מאַכן ביינקען
זאָל דיך נאָך דעם וואָס האָט דיך ליב.

אַלטע ווערטער

עס קלינגט ניט מער אין מיינע אַלטע ווערטער
דער נייער זין וואָס איך האָב איצט פאַרטראַכט
אין זיי אַריינצואָטעמען, אום צאַרטער
דעם גייסט פאַרצאַמען וואָס פאַרשווינדט באַזאַכט.
נאָך אָקאָרשט האָט ער אין מיין בלוט געזונגען
און אָדלערדיק די פליגלען אויסגעשפּרייט,
אין ווייטע האָפנונגס-הימלען איינגעדרונגען,
אויף ערד געבראַכט זיי צו פאַרטיילן ברייט.
דער נייער, פרישער, ניט געררייפטער ווײַן
וועט אַראָמאַטישער שוין מער ניט ווערן,
פון גיסן אים אין אַ געפעס אַריין
פון ריין קריסטאַל וואָס פינקלט ווי די שטערן.
כ'האָב אַלטע ווערטער קיינמאָל ניט פאַרשעמט
פאַרוואָס האָט זייער גייסט זיך אָפּגעפרעמדט?

פרעג ניט...

פרעג ניט צי מענטשלעכע ליבע געפילן
זיינען באַהערשט פון גאָר שטריינגע געזעצן.
דער שכל באַפרייט:
נאָר דאָס האַרץ מיט זיין ווילן
וועט זען דאָס זיי זאָלן ניט ליבע פאַרלעצן.

פרעג ניט צי שיינקייט פון מענטש און נאַטור
קומט אַלס מתנה פון אויבערשטער קראַפט
צו וואָס אַזאַ שטרייט:
ס'איז גענוג, אַז אַ שפור
פון שיינקייט דיין אויג עונג רוח פאַרשאַפט.

פרעג ניט צי באָדלער געווען איז גערעכט,
מוטיק דאַרף מענטש אויף זיך קוקן מיט שפּאָט.
זאָל מוט זיין באַנייט:
זיך פאַראַכטן איז שלעכט,
שטאָלצירן דאַרף מענטש, ווייל באַשאַפן פון גאָט.

פרעג ניט צי באַדלער׳ס „מענטש־נישטיקייט״ רעיון
שטאַמט גאָר פון חסידיש־רביימ׳שער לערען,
און דאָס האָט באַדייט:
פון ערדישקייט זיך צו באַפרייען
צו פילן גאָטס גרויסקייט און גייסט צו באַנייען,
און דאָס איז דער היפּוך געמיינט ביי באַדלערן.

פרעג ניט צי וועט ווען דער אומעט פון נעכטן
בייטן וועט זיך צו אַ זוניקן מאָרגן.
אַ נייע קומט צייט:
גלויב אין גורל גערעכטן,
ס׳וועט מענטשהייט נאָך לעבן אָן מורא און זאָרגן.

שולד

אין אַלץ וואָס האָט אין לעבן מיר געטראָפן,
אָפט ווייזט מיר אויס, אַז שולדיק כ'בין אַליין.
דאָך רעוואָלטיר איך געגן האַרבע שטראָפן,
וואָס פּייניקן מיין גייסט און גוף'ס געביין.

גאָר אפשר פאַלט די שולד גאָר אויף אַנאַנדערן:
אויף מענטשן, געטער, אפשר אַ סיסטעם,
די וואָס פאַראורזאַכט האָבן ס'זאָלן וואַנדערן
מיין גוף און גייסט אין אייביקן פאַרנעם.

אָן אויפהער בלאָנדזשעט, פאַרשנדיק, מיין גייסט,
פאַר וואָס געשטראָפט כ'ווער רו ניט צו געפינען.
ווי אים, מיך מאַכט דער דורכפאַל־זין ניט דרייסט
אַ נייעם לעבן־שטייגער צו באַגינען,

און אויך ניט ליידן מער יסורים פאַר דער וועלט
צו שאַפן עטוואָס רו פאַר יעדן נערוו און גליד.
פון זיך פאַרטרייבן, יאָגן פון דעם גייסט די קעלט,
און בעסער זוכן טרייסט אין ריטם פון מיין ליד.

דו האָסט...

דו האָסט פון מיר ליבע פאַרלאַנגט,
נאָר ליבע געקאָנט האָב איך געבן.
מיט ציטער דיך היים האָט באַדאַנקט
מיין האַרץ און מיין קערפּערס געוועבן.

דו ווייסט דאָך ווי ס'האָט מיך געמאַטערט
דאָס לעבן ביז כ'האָב דיך געטראָפן.
אָן איינזאַם אַקטיאָר אין טעאַטער
געווען כ'בין אין שפּיל וואָס פאַרלאָפן.

נאָר ווייניק דערפון איז פאַרבליבן,
ניטאָ מער קיין פלאַם און קיין מוט.
עס קען ניט דערוואַרעמען, ליבן
אַ מענטש ווען עס זידט ניט זיין בלוט.

דו בלייבסט אָבער טויב צו מיין ריידן
און הערסט ניט, וואָס איך צו דיר זאָג.
דו מיינסט ס'איז נאָך צייט פאַר אונדז ביידן
צו לייענען דעם עפּילאָג.

פרידן

געווייקט איז מיט בלוט און מיט טרערן די ערד,
וואָס שרייט מיט פאַרצווייפלונג און ווייטיק צום מענטש:
נאָך באַלד ביי בראשית געווען איז באַשערט
מיר זאָלן פון גאָט ווערןביידע געבענטשט

מיט שלום ושלוה, מיט „פרו" און מיט „רבו".
כ'האָב הייליק די פליכטן דערפילט ביז צו גאָר,
געשפייזט דיך אַן אייביקייט. מענטש, אָבער דו?
פון ערשטן טאָג אָן האָסט מיט בלוט און טראַר

די ברידער פאַרשקלאַפט אין מלחמות אָן עק,
און קיינמאָל פון שלום געוואָלט האָסטו וויסן.
איצט קען דאָך גאָר זיין, מיך פאַרניכטן ז'דיין צוועק,
פאַר דעם שאַפסט מחבלים וואָס רופן זיך מיסילס.

נאָר, מענטש, ס׳וועט ניט גיין! דו ביזט פאַרט ניט קיין ריכטער,
און ס׳וועלן קיינמאָל דייַנע מיסילס געלינגען:
פאַרשוואַרצן גאָט׳ס וואונדער — די צפונישע ליכטער,
דערשטיקן אין קוסטעם דאָס פייגעלשע זינגען,

אָפּווישן אינגאַנצן בין השמשות מיסטעריע,
פאַרטונקלען די פאַרבן פון זון אונטערגאַנגען,
פאַרשטעלן די בערגישע קייטן פעעריע,
און שטילן פון ווינט פון טרויער די קלאַנגען.

איך האָב מיך מיט בלוט געגוג אָנגעזאַפּט,
געגוג שוין מלחמות, געגוג בלוט פאַרגיסן!
פרידן אין פרייהייט צום מענטשן פאַרשקלאַפּט,
אין פרידן צו לעבן מיט ריינעם געוויסן.

אַ געדאַנק

איז וואָס אַז דעם צאַם כ׳האָב אַריבערגעשפּרונגען
צום וועג פון מיין עלטער — פון „זיבעציק“ אַרוים?
צי איז פון דעם צושטאַנד דער אמת געדרונגען
וואָס האָט פּראָקלאַמירט אַ פילאָזאָף אַ פראַנצויז:
„ביי דעם וואָס ווערט אַלט און האָט מענטשן שטודירט
דאַרף ס׳האַרץ זיין פאַרשטיינערט צי גאָר זיין צובראָכן“.
מיך האָט דער געדאַנק אויף קיין רגע פאַרפירט.
נאָך איצטער מיין האַרץ — כאָטש אַ קרייִנקליכער שכן —
אי צאַפּעלט און ברויזט, און שטאַרק רעאַגירט
אויף יעדער געשעעניש וואָס מענטש גאָר עס שאַפט
כ׳האָב מענטש גוט געקאָנט, נאָר כ׳האָב שטענדיק געשפירט:
גאָר שוואַך איז דער מענטש און נאָר ליבע איז קראַפט,
געגלויבט אַז פאַרשטענדעניש וועט פירן דערצו
אַנשטאָט זיין צובראָכן, וועט האַרץ האָבן רו.
שאַמפּאָר־פילאָזאָף, כאָטש אי קלוג אי באַרימט
געווען איז צום מענטש פעסימיסטיש געשטימט.

כ'האָב ניט געמיינט

איך האָב ניט געמיינט קיין נדבה צו בעטן,
ווען כ'האָב דיר אין יוגענט מיין האַנט אויסגעשטרעקט.
געוואָלט האָב איך ברייטהאַרציק זאָלסטו מיר געבן
דאָס אַלץ וואָס דיין וועזן אין מיר האָט געוועקט.

געוועקט האָט דיין וועזן גאָר נייע געפילן,
געהאָפט אַז זיי האָבן אין דיר אויך געטאָגט.
געשאָנקען האָב איך דיר מיין יוגנט און גלויבן,
און דאָס איז דאָך אַלץ וואָס איך דאַן האָב פאַרמאָגט.

אומזיסט איצט צו האָבן פאַרדראָסן און ערגער,
ווען דורכפאַל פאַרביידן געבראַכט האָבן יאָרן.
ניט גריבל זיך בעסער אין דיין איבערלעבונג,
ווייל ס'ווערט דאַן איר ליידענשאַפט-זכר פאַרלאָרן.

ניין, איך בין ניט אַלט...

עס איז ניט אמת אַז געוואָרן בין איך אַלט,
אַז די געפילן מיינע האָבן זיך געביטן,
כ'וועל אַלט זיין דאַן, ווען ווערן וועט מיר דיין געשטאַלט
פאַרנעפּלט, פון מיין זע־קרייז פולשטענדיק פאַרשניטן.

כ'וועל אַלט זיין דעמאָלט, ווען קענען וועל איך דיך פאַרלאָזן,
אָן אַ פאַרדראָס און אָן אַ בליק אויף דיר צו וואַרפן,
און הערן דאַן דיין קול אין ווינטן וואָס אָפּט בלאָזן,
ווי טענער שטילע אויף די סטרונעס פון די האַרפן.

כ'וועל אַלט זיין דעמאָלט, ווען אַ הויך פון פרילינג ווינטן
וועט שוין אין מיר פאַרליבטקייט קיינמאָל מער דערוועקן,
ווען טרוימען וועל איך פון אַ רו, שוין גוט פאַרדינטן,
און ניט פון גלוסטן וואָס לויערן פון אַלע עקן.

כ׳וועל אַלט זיין דעמאָלט, ווען אַדורך מיין גאַנצן גוף,
באַרירנדיק דיין האַנט, ניט שטראָמען וועט אַ ציטער,
ווען איך וועל ווערן קאַלט צום איגעוולעכן רוף
מיט צאַרטקייט אויפצוברויזן אונדזערע געמיטער.

אַ, ניין, איך בין ניט אַלט, דו קוק ניט אויף די יאָרן,
נאָך טראָג איך שטאָלץ מיין קאָפּ צו טרעפן דיינע ליפּן,
נאָך פיל איך אַלץ דו ביסט אַ טייל פון מיר געוואָרן,
דער טייל פון פרייד וואָס וועט אונדז אַלעמאָל פאַרקניפּן.

פאַרגעסן...

װען פרייד װיל באַלעבן זכרון,
מיר װייזן דאָס שײנע, פאַרלאָפן
אין מײנע, אַמאָליקע יאָרן,
זי לאָזט דאַן אַ פענצטערל אָפן
צו זען די באַהאַלטענע װײטן
פון יענע פאַרגאַנגענע צײטן,
באַהערשט װען ס'האָבן געפילן
פון ליבע אומשולדיקע שפּילן.

נאָר זכרון פאַרגינט דאָס מיר זעלטן:
די בילדער פאַרבלאַסן, פאַרשװינדן.
און ס'בלייבט פון ראָמאַנטישע װעלטן
קײן זאַך װאָס צו זײ זאָל מיך בינדן.
װען טרױם איך מיט „איר" כ'בין געזעסן,
און זי האָט מײן בלוט געמאַכט שטראָמען.
זי האָט מײנע קושן פאַרגעסן,
און איך האָב פאַרגעסן איר נאָמען.

אַ געשפּרעך

איך: אויב וואָלסט דורך אַ נס יונג ווידער געוואָרן
צי וואָלסטו נאָך אַלץ פעלער געמאַכט אָן אַ שיעור?
ער: איך וואָלט'ס אוודאי, ווי אין פאַריקע יאָרן,
כ'וואָלט אפשר נאָך אָנהויבן מאַכן זיי פריער.

איך: ווען דו וואָלסט פאַראויסזען פון אַלצדינג דעם סוף
אַ טעות דאַן מאַכן וואָלסטו זיך שוין שעמען?
ער: אין אָנהויב איז אויפטו, זאָגט דער פילאָזאָף,
פאַראויסזען מיינט קיינמאָל קיינזאַך אונטערנעמען.

איך: מענטש אייל ניט, זאָגסט דיכטער, וואַרט אָפּ די מינוט
ביז נאַכט גייט פאַרביי, און, ווען טאָג, זעסטו העלער.
ער: ס'דערגאַנצט נאַכט דעם טאָג, און געדאַנק קיינמאָל רוט,
און זאָרג ניט אויב ס'גרענעצט דערפאָלג מיט אַ פעלער.

אַ סאָנעט פאַר...

כ'ווייס ניט ווען איז מיר מער ליב דיין געזיכט,
ווייל אָפט דיין שטימונג מאַסקירט די געפילן::
צי, ווען אין קנייטשן, די צאַרטע, פאַרקריכט
טיף אַן אַנטשלאָסענער אויסדרוק פון ווילן:
צי, ווען די קינדערשע אויגן, נאַיווע,
שפיגלען זיי יידישלעך אָפּ דאָס פאַרטרוימען:
צי, ווען דו, שמייכלענדיק, פול מיט עניוות,
קענסטו דיין צוציהונגסקראַפט קוים איינצוימען:
צי ווען ס'דורכדרינגט שאַרף דיין בליק אין מיין גוף,
ווי וואָלסטו אַראָפּ פון אַ גיינסבאָראָ'ס בילד;
צי ווען ווי מוזיק עס קלינגט פריידיק דיין רוף
צו ריידן מיט מיר בנעימות און מילד?
ווען איז מיר מער ליב? דאָס פרעג איך אומזיסט,
מיר ז'ליב דיין געזיכט ווי געווען און ווי ביסט.

ניו־יאָרק — געדאַנקען

די שטאָט איז ניט קיין „טייוול געלער",
ווי גאָרקי האָט געזאָגט אַמאָל.
ניטאָ אַ שטאָט גאָר אָן אַ פעלער,
און מעלות האָט ניו־יאָרק אָן צאָל.

אימפּעט איז אין בוי פּאַראַנען,
אין דער גאַס — אַ מבול ליכט,
בריקן — אויסגעשפּרייטע שפּאַנען,
גלויבן לייכט פון מענטש׳ס געזיכט.

פּעריש איז דער אָונט קוק
פאַר דעם וואָס קומט אָן קיין ניו־יאָרק —
אַ שטאָט פון לערנען, ביכער, דרוק,
וואו ס׳לעבט אין פרייהייט מענטש אָן זאָרג.

זעסט אָפּגעזונדערטקייט פון שכנים,
און אויך די איינזאַמקייט פון מאַסן.
שפּירסט פריינטשאַפט כאָטש דו קענסט ניט קיינעם,
פילסט אויך דעם אימפּולס פון די ראַסן.

טורמס קריכן דרייסט צום הימל,
פעסט געפּאַנצערט מיט מעטאַל.
שטייט אויף ריזן-שטאָט פון דרימל,
שפּילט אויף שפּיצן זוניק שטראַל.

ביי יעדן מענטש מיט שטאָלצן „איך״
איז אַנערקענונג דער באַגער.
אויך דאָ צו הילף קומט שטאָט, וואו גיך
וויל יעדער ווערן עפּעם ווער.

אונטער גרונט, דוכט, ליגט אַ פּייער,
שטאָט מאַכט זאָטן גאַנץ מעת לעת.
ווערט דעם נייעם מענטש שטאָט טייער,
שליסט זיך איין אין איר פּראַצעס.

און וואונדער, זע, נאַטור וואָס מאַכט:
געוויקס איז דאָך איר גרעסטע קראַפט —
שפּאַלט פעלזן שאַרף, ברעכט גרונט מיט מאַכט,
נאָר גיב ניו־יאָרק אַ שיין לאַנדשאַפט.

ס׳פּולסירט אָן אויפהער דער גיגאַנט:
ער איז נימ קראַנק, ער איז געזונט.
שטרעקט אויסגעוואָרצעלטע אַ האַנט,
צו באַוואָרצלען נייעם גרונט.

ניט געקענט...

(דעם אָנדענק פון מיין ברודער זלמן)

ניט געקענט האָסטו פאַרטראָגן
די געזעצן וואָס רעגירן,
ס'האָט פאַנטאַזיע דיך געטראָגן
צו מיראַזשען וואָס פאַרפירן.

האָסט געפריידיקט מענטשהייט ליבן,
ווי אַ ריטער גאָר אָן שרעקן.
ס'זיינען אויף דיין שליאַך געבליבן
בלוטיקע דיין גורל'ס פלעקן.

דיינע פליגלען ס'האָט פאַרברענט
פאַלשע ליכט אין שוואַרצער נאַכט.
מענטש נאַאיווער, ס'ט ניט דערקענט
שקר — וואָס דו האָסט פאַראַכט.

ביזט פאַרלאָרן אין זאַוויי,
ווי אין תהום פאַרזונקען שיף.
ווינטער אין זיין ווייסן שניי
חלום דיין באַהאַלט אין טיף.

ניט זיפץ...

ניט זיפץ איבער דעם וואָס געוועזן איז נעכטן,
פֿראָלאָג איז דער עבר, פֿון היינט שוין פֿאַרבאָרגן.
האָסט נעכטן געזיגט אין די לעבנ׳ס געפֿעכטן,
איצט זאָרג צו געווינען די שלאַכטן פֿון מאָרגן.

דיין קול איז פֿאַראיינזאַמט, ביסט אייגער אַליין,
אין וועלט ווערסט נאָך שפּירן איר אָטעם דעם קילן.
דערוואַרמן קענסט האַרץ, וואָס פֿאַרשטאַרט איז ווי שטיין,
דורך פֿרייד וואָס פֿאַרשאַרפֿט אָפֿט דעם מענטשנ׳ס געפֿילן.

און דורך פֿרייד אויך פֿון אַנזען געוויקסן אַלערליי,
ווי זיי אויגן פֿאַרבלענדן דורך פֿאַרב און דורך גלאַנץ.
ווערסט דערמוטיקונג זיכער געפֿינען אין זיי:

איצטער בליט אַלץ אויפֿסניי, נאָר אין האַרבסט האָט מיט ווײי
זיך געיאָגט געלער בלאַט אין אַ ווילד טויטן-טאַנץ.

פלאַנעטן

פלאַנעטן אַ סך, אָן צאָל און אָן נעמען
עס זיינען פאַראַן, אַחוץ אונדזער ערד.
עס לויפט אַרום ערד מיט ווירדיק באַנעמען,
פלאַנעט אַרום זון די אים נאָר געהערט.

נאָר ווען אין באַרירונג זיי קומען צוזאַמען
פאַררויטלט זיך זון און היים ווערט פלאַנעט.
אין גאַנצענע טעג — אַ מינוט ניט פאַרזאַמען —
זיי צערטלען זיך ביידע ביז אָוונטן שפעט.

אַ געטין אין זון, דערציילט אַ לעגענדע,
נאָר אויך אויף דער זון פאַראַן איז אַ פלעק,
זי מאַכט צו איר וואַרימקייט פלוצים אַן ענדע,
פאַרבלייבט איר באַגלייטער אַליין אויף זיין וועג.

ווער וויים וואָס קומט פאָר אויף אַלע פלאַנעטן,
אויף דעם ערדישן אָבער מענטש וויים עס גענוי:
עס לעכצט אַמאָל מאָן נאָך זיין זוניקע געטין,
נאָר געטין ז'לעגענדע, בלייבט פראָזע — אַ פרוי.

אַמאָל

מען זאָגט, געווען איז דאָס אַלץ אַמאָל,
ווי ס׳וואָלט געשען אין צייטן לאַנג פאַרגאַנגען,
צו בלייבן ווי אַן עכאָ פון אַ קול,
וואָס האַלט זיך אין זכרון ווי מיט צוואַנגען.

נאָר דאָס „אַמאָל" איז גאָר ניט אַזוי ווייט,
פאַרבאָרגן נאָר אין דעם געדאַנקען תהום.
און מענטש, ווען נאָר מיט יונג באַגער באַנייט,
קען לייכט אַרויסרופן אַ גאַנצן שטראָם
פון גליקלעכע זכרונות און פון בילדער,
וואָס ליגן נאָנט צום האַרץ, ווי ס׳שיין געזיכט
פון דער, וואָס האָט מיט אירע שטריכן מילדע
געשאַפן, אַרום זיך אַ פרייד אַ ליכט.

פאַרמאָגט דער מענטש אַ דמיון, אַ פאַרלאַנג,
צוריק קומט ס׳פריידיקע „אַמאָל" מיט דראַנג.

פאַלט אַ שאָטן

אין דער שטילקייט פאַלט אַ שאָטן
און פאַרשלינגט אַלץ אונגעשטערט.
ס'האָט זיין פליגל ליכט פאַרשאָטן,
ס'ליכט, נאָך צאַפּעלדיק, פאַרצערט.

אויך דורך גוף דרינגט איין דער שאָטן,
וויל פאַרשלייערן דאָס שלעכטס.
וויל זכרונות מיר פאַרבאָטן,
ניט דערמאָנען זיי מיט קרעכץ.

עבר שטאַרקער איז פון שאָטן,
האַסט ס'פאַרשווייגן און ס'פאַרזען
דאָס וואָס האָט געבליט, געראָטן,
אַלץ וואָס ליכטיק איז געווען.

איינגעהילט איז ערד אין שאָטן,
הערשט אַ שווייגן איצט אין רוים.
נאָר דערינערונגען זאָטן,
ברויזן ווי אַ ים פון שוים.

אָן דיר...

די ערטער און זאַכן מיר האָבן צוזאַמען
באַוואונדערט מיט ליבשאַפט, די שיינקייט גענאָסן,
דו האָסט זיי שוין אַלע פאַרגעסן מיסטאַמע,
פאַרגעסן און אפשר נאָך גאָר אָן פאַרדראָסן.

אָן דיר איצט גאָר אַנדערש איך זע אָט די ערטער,
כ׳פיל מער ניט דעם ווינטל וואָס האָט זיך געאַרעמט
אַמאָל מיטן באַרג און דערציילט האָט אָן ווערטער,
ווי איבער באַרג אָוונטליכט האָט אונדז געוואַרעמט.

איצט קאַלט איז דאָס ליכט און עס וואַרעמט ניט מער,
און ס׳דוכט מיר אפילו עס בויגן זיך גראָזן,
ווי וואָלטן זיי וועלן פאַרגיסן אַ טרער,
דיין טראָט פאַר ניט פילן זינט האָסט מיך פאַרלאָזן.

די ערטער, דוכט, בלייבן אַזוי גוט ווי פריער,
נאָר שטריכן גאָר פרעמדע, כ'דערקען נים אַצינד.
איך זוך און איך זוך דיין געשטאַלט אָן אַ שיעור,
איך זע דיך ניט מער, ביסט אַוועק מיטן ווינט.

איך קען ניט פאַרהאַלטן הינטער טויער און ריגל
די שיינע געפילן וואָס דערוועקט האָט דיין בליק.
אין לעבן איז שיינקייט ניט מער ווי אַ שפּיגל
פון האַרץ איבערפולט מיט פרייד און מיט גליק.

װען ס'איז מיר שװער

װען ס'איז אַמאָל מיר שװער די טומל־רויך שטאָט אויסצוהאַלטן
און קראַנקע נערװן איבער לייב אַן אומרו שטאַרק דערשפּירן,
איך לויף אויף לאַנד, װאו, אָפּגעזונדערט, קען איך זיך באַהאַלטן,
און װאו איך דאַרף ניט מער די אייביק װעלט װיכוחים פירן.
ניטאָ דאָ, אמת, פרײַנד, נאָר כ'בין דאָ אויך קיינמאָל אַליין:
אין װינטער מיט אַ שנייעלע איך בין װי צװיי, צוזאַמען,
און זומער כ'חבר מיך מיט קוסטעם ביזן זון־פאַרגיין.
און װען ס'װיל רויז דעם רויבער־בין דעם װעג צו זיסקייט צאַמען,
דערזע איך מיט פאַרדראָס אַפילו דאָ װעט קאַמף אַנטשטיין.

דאַן ברויזט אין מיין נשמה מיט אַמאָל אויף די פאַרלאַנגען —
צוריק צו מענטשן גיין, אַוואו ס'פאַרלויפן גורל שטרייטן,
די שטרעבונגען פאַרשטיין וואָס האַלטן דעם געדאַנק געפאַנגען,
און די, פון וועלכע דורות טרוימען זים אין אַלע צייטן.
מיין אויפגעברויזטער גייסט, ווייזט אויס, האָט פאַר זיך נאָר איין וועג,
פון לאַנד אין שטאָט צו לויפן, און צוריק פון שטאָט אויף לאַנד,
און תמיד מיט אַ גע ונד געדאַנק פון ציל און צוועק,
ווייל לאָזן וואָרצלען ערגצוואו כ'בין ניט געווען אימשטאַנד.

צאַרטקייט

די צאַרטקייט, ווייזט אויס, איז אַ שטאַמלער געבאָרן,
און ס׳קומט איר אָן שווער צו באַנוצן איר שפּראַך.
נאָך שווערער איז איר מיט אַ מענטשן זיך פּאָרן,
מיט אים זיך צו אויסלעבן אונטער איין דאַך.

דער וועג פונם לעבן ניט לייכט איז פאַרביידן
דער וועג איז ניט גלייך, ער זיך דרייט ווי אַ שלאַנג.
אָט גייט ער גאַר גלאַטיק, אָן שטערונג, באַשיידן,
נאָר עפּטער לאַכט מענטש פון דער צאַרטקייט איר גאַנג.

עס פּאַסט זיך ניט צאַרטקייט אין וועלט פון געוואַלט,
עס ווערט דאָרט פאַררעכנט אַ ווייכער געפיל
אַלס שוואַכקייט פון מענטש מיט אָן הילפלאָז געשטאַלט,
בעת נאָר אַ שטאַרקער דערגרייכט זיך זיין ציל.

נאָר דאָרטן וואו סטרונעס פון האַרצן דערשפּירן
אָן אָפּקלאַנג פון מוטער׳ס אַ רוף צו איר קינד,
אַן עכאָ פון קלאַנגען און ליבע׳ס פּולסירן,
פאַרשאַפן זיך צאַרטקייט געפילן געשווינט.

אַנטוישונג

עס לויפן פאַרמאַסקירט די יאָרן,
פאַרהילט אין סודות אַלערליי.
און ס׳ווייס ניט קיינער צי מיט צאָרן,
צי גאָר מיט האָפנונג קומען זיי.

קומט אָן אַ יאָר — דעם לעבענס סכום
נעמט אין חלומות ער איינצאַמען,
אַזוי ווי ס׳רינגלען ערד אַרום
די וואַסער שפּיגלען פון די ים׳ען.

ס׳ווערט איינגעוויקלט מענטשענ׳ס טריט
אין חלום — שלייער אַ גאַנץ יאָר.
און ס׳אַנט דער מענטש אַ רגע ניט,
אַז וואָס ער טוט איז ניט אויף וואָר.

ס׳פאַרגייט דער יאָר און מענטש הערט אויף
אין חלום זען אַ וועגווייז-פאַקל,
ס׳דערפילט דער מענטש מיט גאַנצן גוף
אַ שווער אַנטוישונג ביים סך הכל.

האַרבסטיקע צייטן

די גרויסע פּלעיאַדע — דער זיבן בונד שטערן,
צעבלישטענדיק העלער אין טונקעלן שפּעט,
האָט אָנגעזאָגט אָנקום פון האַרבסטיקע צייטן.
דערזען אָט דעם שיין, פאַנגען פויגל זיך ווערן
פון קעלט און פון הונגער זיי ווינטער געשעהט,
צו פּליען אין טשאַטעם צו זוניקע ווייטן.
אין בהלה פון לויפן פאַרבלייבן אויף ווינטער
פאַריתומט, האָלצפיקער מיט שנאָבלען די לאַנגע,
מיט וועלכע זיי ניכטערן בוימישע שפּלינטער,
און ריידן זיך דורך מיט אונהיימליכע קלאַנגען.

זיי קימערט ניט דאָס וואָס דער ווינטער פאַרשאַפט זיי:
דאָס העלפט זיי ס'פאַרבלייבן אין אייביק באַוועגונג,
אין אויפגעברויזט צושטאַנד און אַ טומל געשריי.
נאָר וואונדער! גראָד האַרבסט־לופט פאַרשאַפט זיי אויפרעגונג.
בעת פאַרן מענטש הערשט אַ שטימונג אַ שטומע,
ווי וואָלט ער געטרויערט מיט צער נאָכן זומער,
ווי ס'טרויערט אַ פרוי אין די האַרבסטיקע יאָרן
נאָך זוניקע ליבע, ווען יונג נאָך פאַרלאָרן.

אַ פּאַרמעסט

רוהיג דרימלט דער ים און מיט אים ביז גרויסטאָג
זיינען כוואַליעס פאַרוויגט אום צו בלייבן אין רו.
אומגעריכט קומט אַן ווינט וואָס פאַרפירט אַ דיאַלאָג,
און הייבט הייזער אָן ריידן: הו-הו און הו-הו!

„אַן אומעט באַפאַלן איז מיר אין דער נאַכט,
„אַלץ יאָגן, אַלץ לויפן, ניט ווּיסן אַוואו.
„מיט בוימער און הייזער גיי פיר מיר אַ שלאַכט,
„מלחמות אָן געגנער. הו-הו און הו-הו!

„איצט בין איך געקומען און כ'וויל זיך פאַרמעסטן
„אין גבורה מיט כוואַליעס: הו-הו און הו-הו!”

„ניט רוף מיינע כוואַליעס צום קאַמף פון די נעסטן,
זיי ווערן געפערליך ווען צווינגסט זיי דאַצו.

נאָר ווינט מיט גרויס חוצפּה גענומען האָט שמייסן
די פלאַכן פון ים מיט קריגס־רוף: הו־הו!
קען ים ס׳ניט פאַרליידן, זיך בייזערט דער כעסן,
הייסט כוואַליעס פאַרשטויסן דעם ווינט אַנדערשוואו.

ווינט שטורמט מיט אָנפאַל ווי ס׳פּאַסט אוראַגאַנען,
נאָר ווענט הויכע כוואַליעס פאַרשטעלן זיין וועג.
גייט שלאַכט אָן אַ טאָג צווישן ביידע טיטאַנען,
ביז כוחות פאַרלאָרן, פאַרשווענדיקט אָן צוועק.

זיך גייען די קריגער אָן זיגער פאַנאַנדער.
אַריין פליט דער ווינט אין אַ בליי־גראָען הימל.
ער וועט זיך פון דאָרטן באַלד לאָזן אויף וואַנדער,
נאָר ים, ווען באַרוהיגט, כאַפּט ווידער אַ דרימל.

נסים

ווייל ס׳לעבן מיך האָט מיט אילוזיעס פֿאַרזען
ניט גלויבנדיק, ווילט זיך איצט גלויבן אין נסים.
אויב ס׳קען ווען און וואו עפּעס נסים געשען,
וואָלט איך נאָך פון איינעם געוואָלט אויך געניסן.

ווען איצטער אין מיינע שפּעט האַרבסטיקע טעג
וואָלט פּלוצים אַ ווינטל פון פרילינג מילד ווייען
צו שאַפן פאַר בלוט אין מיין גוף אַ באַוועג,
אַ נס אַזאַ מין וואָלט מיך שוין דערפרייען.

ווען מענטש וואָלט מיט שלום געדאַנק זיך באַזינען,
דעם שרעק וואָלט פאַריאָגן אַ פריינטשאַפט קאָנצערט,
און רו מיין נשמה וואָלט עטוואָס געפינען,
כ׳וועל גלויבן אַז ווידער אַ נס איז באַשערט.

וואָלט דמיון געהאָלפן כ׳זאָל ווידער דערזען
די שיינע געשטאַלט — וואָס שוין יאָרן כ׳פאַרגעס —
פון דער וואָס מיין ליבע די ערשטע ז׳געווען,
כ׳וואָלט יונגער געוואָרן דורך דריט־גרעסטן נס.

עמעץ

ס׳האָט עמעץ מיין זעל זיך גענומען
און מיך איינגעטונקט אין אַ שלאָף.
איך האָב אין חלומות געשוואומען,
נאָר קיינמאָל דערזען זייער סוף.

מיין זעל עמעץ פאָרשט אוים באַנאַכט,
זוכט עפּעס — וואָס, כ׳ווייס ניט אַליין.
דעם אימפּולס איך פיל ווי ער טראַכט:
מיר זעל צוריק געבן, צו נײַן.

און ווען איך דערוואַך אַזוי אָפּט,
און בין מיט מיין זעל שוין בשלום,
כ׳בעט עמעץ — וואָס אָפּט מיך באַשטראָפט,
אָ, לאָז מיך דערזען כאָטש מיין חלום.

אָ, עמעץ! ווער ביסטו און וואו,
צו דיר מיין פאַרלאַנגען איך שיק:
אָ, גיב מיר אַביסעלע רו,
מיין נשמה נאָך לאַנג גיב צוריק.

כשוף פון אַ סוד

געווען אַמאָל ביים מענטש אַ ציטערדיק געפיל
וואָס בליציק פלעגט מיט רעש אַדורכדרינגען דעם גוף,
ווען ס'פלעגט אַ ווייכע האַנט אַ גלעט טאָן צאַרט און שטיל,
פאַרשאַפענדיק דערביי אַ שטאַרק עמאָציע־רוף.

געווען אַמאָל ביים מענטש פון סודות אַ געפיל,
פאַראורזאַכט פון אַ קול אין שטיל אינטים גערייד,
פון פרויען קוק, וואָס געריצט האָט שטאַרק מיט יוגנט שפיל,
און מער נאָך פונם קלענסטן שאָרך פון זיידן קלייד.

געווען איז סוד אין אַלע ווינקלען, אומעטום:
אין זשעסט, אין וואונק, אַפילו אין אַ סקריפּ פון טיר,
אין בליץ פון אויגן, וואָס גערעדט צו דיר האָט שטום,
נאָר מער געמיינט ווי ליבע ווערטער אָן אַ שיעור.

אַ האַנט איז איצט אַ האַנט, ניטאָ קיין סענטימענט,
ניטאָ שוין איצטער מער די רעטעניש פון סוד.
איך אָבער זוך נאָך אַלץ אַ בליק, אַ וואָרט וואָס ברענט,
אַ סודות וועלט וואָס איז פאַרכשופט דורך גאָטס גנאָד.

ליידנשאַפֿט

שטיל איז אין לעבן פֿון מענטשן, צו שטיל,
אָן נאַטורעלע דערשיינונגען צוויי:
איינס איז אַ ליידענשאַפֿט'ס הייסער געפֿיל,
צוויי — אַ געוויטער מיט דונער געשריי.

נאַטור האָט געפֿורעמט, געשאַפֿן זיי ביידן
פֿון דרימל צו אויפֿברויזן מענטשנ'ס געמיטער:
צו שאַפֿן דורך ליידענשאַפֿט גלוסטן און פֿריידן,
צו מורא און רעש אַדורך דונער געוויטער.

באַשלאָסן האָט מענטש צו באַזיגן נאַטור,
געפֿונען אַ מיטל באַזייטיקן שרעק:
אַן אָפּלייטער דונער פֿאַרפֿירט האָט אַן שפּור,
געבליבן אין רעגונג, נאָר שרעק איז אַוועק.

מיט ליידנשאַפֿט אָבער וויל מענטש זיך ניט שיידן,
אין ליבע, אין תּפֿילה, אין שפּיל און אין ריידן
איז זי וועלכע שאַרפֿט אַן און שלייפֿט אונדזער בלוט,
פֿילט לופֿט אוים מיט פּאַטאָס, עקסטאַז און מיט מוט.

בין השמשות

מען שעצט אין דער וועלט איצט נאָר פּאַקטן ממשות,
דאָס טראָגט אָפּט דעם איינפלוס פון טעמפּ-קאַלטן זין.
דאָס אייביקע טרוימען פון מענטשן נפשות
פאַרשטויסט האָט אינגאַנצן די זעללאָזע מאַשין.

מען שעצט מער ניט צאַרטקייט פון שעה בין השמשות,
וואָס ברענגט ווייכע שאָטנס, נאָסטאַלגיע פאַרשאַפט.
ויהי אור שאַפט מענטש איצט אין כלים ממשות,
נאָר ווער מעדיטירט אונטער ליכט אָן אַ האַפט?

עס פלעגן די מענטשן אין דעמערונג צייטן,
ווען לופט איז פאַרכשופט און רייף איז געדאַנק,
אַ חשבון הנפש זיך מאַכן, און בייטן
די זינדיקע וועגן פון שלעכטס און פון צוואַנג.

ווי גוט וואָלט׳ס געווען, ווען די מענטשלעכע ראַסע
וואָלט אין בין השמשות גאָר ערנסט באַטראַכט
איר טראַגישן גורל, אויב ס׳וועט ווען די מאַסע
פון מיסילס אַטאָמען זיך וואַרפן אין שלאַכט.

ווינטער

אומגעריכט גאָר עס האָבן די נעפּלען געגידערט.
אָפּגעקילט איז געוואָרן די ערד און דער טייך,
און דער ווינט הייבט אָן פּייפן פּאַרטרויערטע לידער
מיט די טענער פון בלאָז אינסטרומענטן צוגלייך.

ס'האָט אָן אומעט באַדעקט שוין די גאָלד'נע אַלעען,
וואו פון אַסטרען, די לעצטע, אַ טרער רינט אַרויס.
און די בלעטער אַ טויטן טאַנץ זיי שפּרינגען מיט ווייען,
דאַן פאַרחושעכט צו ווערן אין וואַלדישן שוים.

פאַנגען שנייעלעך אָן אַדורך נעפּל צו פאַלן,
מיט אַ ווייסן פּליוש ערד און אַרום זיי באַצירן,
וואו זיי פינקלען אומשולדיק מיט פאַרביקע שטראַלן,
ביז אַ מענטש זיי באַטרעט, ווען אַרויס גייט שפּאַצירן.

אָפּט באַנאַכט הער איך קרעכצן דעם דעמב וואָס איז אַלט,
אויך דאָס ברעכן פון צווייגן וואָס האָבן קיין קראַפט
אום צו טראָגן דעם שניי, וואָס צו שווער אויף זיי פאַלט,
ווערן בוימער אַנטבלויזט דאַן מיט רעש און געוואַלט.
אַ פאַרשוואַכטער — דער דעמב־מרה שחורה פאַרשאַפט,
ווייל אים נערן ניט מער זיינע וואָרצלען מיט זאַפט.

קומט דער ווינטער, ווען זון האָט איר שיין אָפּגעווענדט,
ווערט אַן אָבל די ערד און איז פול מיט פאַרדרום.
נאָר מען האָט שוין דעם פולס פון דעם זומער דערקענט:
אונטער אייז, אונטער שניי, אַלץ דער וועלט שיקט אַ גרוס.

צווייטער טייל

איבערזעצונגען

דער יידישער בית עולם אין ניופּאָרט

(פריי נאָך לאָנגפעלאָו)

ווי מאָדנע ס׳זעט אויס! די קברים פון די יידן
ביים ראָג פון דער גאַס אין דער שייגער האַפן־שטאָט.
טויט שטיל, אין דער שכנות מיט כוואַליעס, קיינמאָל מידע,
אין רו, כאָטש דער גאַנצער אַרום באַוועגונג האָט.

בוימער, וויים פון שטויב, פאַרוויגן זייער שלאָף,
מיט פאָרהאַנג אַ ברייטן, געשאָקלט פון ווינט.
און אונטער געצעלט פון דעם קילן בלעטער שטאָף
זיי באַהאַלטן דעם סוד וואָס אין טויט זיך געפינט...

מצבות וואָס שטייען פאַרברוינטע און אַלט,
ביי דעם מקום מנוחה מענטש האָט אין רשות,
זיי זעען ווי לוחות אויס, וואָס מיט געוואַלט
ס׳האָט משה צעבראָכן ביים סיני׳ס באַרג פוס.

שוין נעמען, מען זעט דאָ, זייַנען גאָר אומבאַקאַנט,
מיט אַ פרעמדן אַקצענט און קלימאַט אַ ווייטן:
אַלוואַרעס, ריוועראַ זיי גייען האַנט אין האַנט
מיט אַברהם און יעקב פון די אַלטע צייטן.

„געלויבט גאָט איז, טויט געשאַפן ער האָט,
און טויט מיינט אויך רו“, די אבלים וואָס זאָגן.
נאָר גיבן צו דערביי, מיט גלויבן אין גאָט:
„גיט אויך לעבן — שענסטער אוצר מענטש קען פאַרמאָגן.

אין שול פאַרזיגלט זיינען אַלע שפּאַלטן.
שטילקייט ברעכט ניט ס׳תהלים ליד פון דוד.
ס׳וועט קיין רב די דרשות מער ניט האַלטן,
נוצענדיק נביאים׳ס שפּראַך מיט כבוד.

אַליין נאָר טויטע זיינען דאָ געבליבן,
נאָר ניט פאַרגעסן, אַן אומזעבאַרע האַנט
שפּרייט גוטסקייט אויס, ווי זומער רעגן ליבער,
פאַרזאָרגט מיט גרינס די קברים נאָכאַנאַנד.

ווי קומען זיי דאָ? וואָסער האַס שטראָם פון קריסטן,
וועלכע פאַרפאָלגונג אָן רחמנות, אָן אַ זין,
געטריבן האָבן איבער ים — דער מדבר וויסטן —
אָט די הגרם און ישמעאלם פונם מענטשלעך-מין?

אין ענגע געסלאַך, אָן ליכט שטראַל צו פאַרמאָגן,
אין געטאָס, יודענגאַס, אין חושך און אין קויט,
דערצויגן צו געדולדן און צו פאַרטראָגן
אין שרעק דאָס לעבן, אין פייער זייער טויט.

אַ לעבן לאַנג מיט ניט פאַרזויערט מצה ברויט,
מיט קרייטער ביטערע אין גלות אָנגעזאַמלט שווער,
זיי האָבן זייער הונגער פונם האַרץ געגערט אין נויט,
געשטילט דעם גרויסן דורשט מיט שטאַרקן מרור פון אַ טרער.

„אנאַטעמאַ מאַראַנאַטאַ" *) געווען איז דאָס געשריי
פון שטאָט צו שטאָט געגאַנגען און פון גאָס צו גאָס.
דעם ייד געשאָלטן מיט פאַראַכט ביים טויער האָבן זיי —
די קריסטן, אים מיט פיס געבריקעט האָבן זיי מיט האַס.

ס'האָט די גאווה מיט דערנידערונג צוזאַמען
מיט זיי מאַרשירט, וואו קומען האָבן זיי געקענט.
געטראָטן האָט מען זיי ווי די זאַמד ביי ים'ען,
נאָר פעסט געבליבן זיינען זיי ווי אַ קאָנטינענט.

ווייל ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר זיי געשטאַלטן:
נביאישע סימבאָלן פון פאַרגאַנגענהייט,
טראַדיציעס הייליקע, די נאָבעלע און אַלטע,
פאַר זיי זיך האָבן אָפּגעשפּיגלט יענע צייט.

---

*) אַן אַראַבישער אויסדרוק: „מאַראַן־אַטאַ" — גאָט וועט קומען, געניצט האָט דער אַפּאָסטאָל פּאָול: גאָט וועט קומען אייך צו שטראָפן פאַר אייערע זינד.

אַזוי שווין אײביק, מיט אַ בכבודיקן בליק,
זיי לייענען דאָס גרעסטע מיסטיש בוך אויף ערד,
ווי ס׳לייענט זיך אַ יידיש ספר אויף צוריק,
ביז ס׳לעבן אַ לעגענדע איבער טויטע ווערט.

נאָר וואָס אַמאָל געוועזן דאַרף שוין זיין ניט מער.
די ערד וואָס קרעכצט פון אַרבייט און פון ווייטיק,
קען ראַסן זי פאַרמאָגט ניט ברייינגען אין פאַרקער,
און טויטע פעלקער לעבן קיינמאָל אויף צוריק.

דער ניט גענומענער וועג

(פריי נאָך פראָסט)

צוויי וועגן האָבן זיך צעצווייגט אין וואַלד.
אַ שאָד וואָס איך, איין רייזענדער, האָב פאָרן
אויף ביידע ניט געקענט. שטיי איך און האַלט
אויף איינעם פון זיי מיין שאַרפן בליק וואָס פאַלט
ביז ער פאַרדרייט זיך שאַרף און גייט פאַרלאָרן.

כ'האָב דאַן געוויילט דעם צווייטן וואָס געווען אויך גוט
און אפשר מעלות פיל נאָך בעסערע געהאַט:
אַ גראָזיק, ווינציקער באַטראָטענער מאַרשוט.
נאָר ביידע וואַלדוועגן לאַנג האָבן שוין גערוט
און זיינען אויסגענוצט געוואָרן גלייך כמעט.

אין יענעם פרימאָרגן זײ זײנען געלעגן,
באַדעקט הויך מיט אומבאַטראָט׳נע בלעטער.
געמיינט: כ׳נעם אַן אַנדערס מאָל וועג פון אַנטקעגן.
נאָר ווײסענדיק גוט ווי אַ וועג פירט צו וועגן,
האָב איך דעמאָלט געצווייפלט צי כ׳וועל דאַ זײן שפּעטער.

איך וועל עס דערצײלן מיט אַ זיפץ וועגן מיך,
אַמאָל, ווען די עלטער אַרײן וועט אין קראַפט:
זיך צעצווייגט האָבן וועגן אין וואַלד, אָבער איך
דעם באַטראָטענעם וועג האָב גענומען פאַר זיך,
דעם אונטערשייד האָט דאָס אין מײן לעבן פאַרשאַפט.

פייער און אייז

(פריי נאָך פראָסט)

פאַראַן זיינען מענטשן וואָס זאָגן:
פאַרענדיקן וועלט וועט אין פייער.
און אַנדערע זאָגן — אין אייז.
ס'האָט קיינער פון זיי אַ באַווייז,

און וועט דאָס אויך קיינמאָל פאַרמאָגן.
וועט אומקומען צווייםאָל די וועלט,
באַקאַנט איז מיר האָס צו דערקלערן:
צעשטערן קען אייז און די קעלט
אַ גאַנץ גוטער מיטל אויך ווערן.

א י נ ה אַ ל ט :

ערשטער טייל

ס י ל ו ע ט ן

סילועט — — — — — — — — — — — 6

עס פירט זיך — — — — — — — — — 7

פאַרליבט — — — — — — — — — — — 8

גלגול — — — — — — — — — — — 10

געדאַנק — — — — — — — — — — — 13

אַ ווידוי — — — — — — — — — — — 14

מיינע אויגן — — — — — — — — — — 16

איר אַלע — — — — — — — — — — — 17

רוימען שפּיל — — — — — — — — — 19

איך וואַרט — — — — — — — — — — 20

אין הויכע ספערן — — — — — — — — 21

פאַנטאַזיע — — — — — — — — — — 23

מען זאָגט — — — — — — — — — — — 25

צייט	26
מיר זיינען פּאָעטן	27
איך האָב	29
אַלטע ווערטער	30
פרעג ניט	31
שולד	33
דו האָסט	34
פרידן	35
אַ געדאַנק	37
כ׳האָב ניט געמיינט	38
ניין, איך בין ניט אַלט	39
פאַרגעסן	41
אַ געשפּרעך	42
אַ סאָנעט פאַר	43
ניו־יאָרק געדאַנקען	44
ניט געקענט	47
ניט זיפץ	48
פּלאַנעטן	49
אַמאָל	50
פאַלט אַ שאָטן	51
אָן דיר	52
ווען ס׳איז מיר שווער	54
צאַרטקייט	56

אַנטוויקלונג — — — — — — — — — 57

האַרבסטיקע צייטן — — — — — — — 58

אַ פּאַרמעסט — — — — — — — — — 60

נסים — — — — — — — — — — — — 62

עמעץ — — — — — — — — — — — 64

כּשוף פֿון אַ סוד — — — — — — — 66

לײדענשאַפֿט — — — — — — — — — 68

בין השמשות — — — — — — — — — 70

ווינטער — — — — — — — — — — — 72

צווייטער טייל

איבערזעצונגען

דער יידישער בית-עולם אין ניופאָרט — — 77

דער ניט גענומענער וועג — — — — — 82

פייער און אייז — — — — — — — — 84

הילע געצייכנט

פון

וויליאַם מייעראָוויץ

פון דעם זעלבן מחבר:

שטילע וועגן

(לידער)

שטימונגען

(לידער)

By the same author

QUIET LANES (poems)

and

MOODS (poems)

Copyright 1963
by
JACOB H. SAPIRO
511 West 113 St.
New York 25, N. Y.
U. S. A.

אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינד פון דיכטער
יעקב סאַפּיראָ צו זיין 75 יאָריקן געבוירנטאָג.

פרייז : $2.50

Published and edited by a group of friends of the poet Jacob Sapiro to his 75th birthday.

Price: $2.50

הויפּט־פאַרקויף:

ציקאָ ביכער־צענטראַלע

25 East 78th Street, New York 21, N. Y.

Printed in the United States of America
by
Rausen Bros.
142 East 32nd St., New York 16.
149